# טאַכטער שיינע פון די דריי מתנות

(צו דערמאָנען טויבעלע צוקער — אומגעקומען על קידוש - השם.)

זיי האָבן דיך פאַרפייניקט אָן רחמנות —
טאָכטער שיינע פון די דריי מתנות.

שוועסטער פון מיין שווער־געפרווטער שטאָט.
פאַראַן אַ צייכן נאָך פון דיין געגאָד
אויף מיין מער נישט יינגלדיקן שטערן.
און פאַרבאָרגן ווי אין מיין געמיט —
אַ סימן פון דעם דרעמלענדיקן ליד
וואָס כ'האָב אַרויסגעפּרעפּלט פון דיין ווייבער שוים.

איצט ביסטו אויס.
דיין מיידלשאַפט פון מלא־חן
לייען איך איצט אין פנקס פון געוויין.
דאָרט בלייבן וועט מסתמא שוין פאַרהוילן
די פאַרציטערטקייט פון דיינע אויגן.
אויך דיין אָפּגעציטערט לעבן
וואָס נישט דערוועקט האָט גאָטס רחמנות —
טאָכטער שיינע פון די דריי מתנות.